# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשת **ויגש** תשפ"ד ◆ עלון מס': **128**

## דברים שבלב

אויסצוגען פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### עס טוט זיך נישט קיין 'שידוכים כאפעריי'

איינס פון די שיינקייטן מיט וואס דער לעבן פון א בעל בטחון ווערט רייכער און שענער, איז דער פאזיטיווער בליק וואס ער באקומט אויף זיין פערזענליכער לעבן און אויף די וועלט. אנשטאט צו לעבן אין פחד און האבן טענות ומענות אויף די גאנצע וועלט, אז יענער טוט מיר און יענער מאכט מיר, הייבט ער אן צו פארשטיין אז עס איז דא א מנהיג לבירה, אז קיין איינער טוט נישט, אז גארנישט געשעט נישט פון זיך אליין, ער הייבט אן צו לעבן בשלום מיט אנדערע, מיט גוטע פריינט, ווייל קיין איינער איז באמת נישט זיין שונא.

א בעל בטחון וועט געוועגליך נישט זיין א נעגאטיווער און א פינסטערער מענטש, אבער דא האט דער רבי געמאכט אן אויסנאם און ווידמעט א גאנצער פרק צו לערנען איבער די חילוקים פון א איד וואס לעבט מיט בטחון צו איינער וואס איז נישט זוכה און לעבט אן בטחון.

אין דעם פינעפטן פרק פון שער הבטחון אין חובת הלבבות וועט דער רבי עפענען א טויער'ל אריין אין דער וואס לעבט א לעבן וואס איז נישט פול מיט בטחון, און וועט שילדערן די שוועריגקייטן און מיטמאכענישן וואס גייט אריבער אויף אזא איינער.

און דאס זענען זיינע הייליגע ווערטער אויסרעכנענדיג דעם זעקסטן הבדל: ומי שאינו בוטח באלוקים אין לו אוהב - ווער עס וועט זיך נישט פארלאזן אויפ'ן רבוש"ע וועט נישט האבן קיין אמת'ע גוטע פריינט.

ער האט נישט קיין גוטע פריינט - ווייל ער איז מלא טענות כרימון אויף די גוטע וועלט, און ווי דער רבי איז ממשיך צו זאגן **בכל עת חומד אותם ומקנא בם, וחושב כל טובה שתגיע אליהם סרה ממנו**, ווייל ער גלייבט אז זיינע נאנטע נעמען אלעס צו פון אים. עס איז אזוי אין זיין טאג טעגליכער לעבן, ביי די ארבעט, מיט חברים, מיט קרובים און מיט שידוכים.

עס דרייען זיך ארום אידן און האבן אסאך ווייטאג אויף שדכנים. זיי גלייבן אז דער און דער שדכן האט אויסגעכאפט די שידוך, אז ער האט צוגרונד געלייגט די און די הצעה, אבער ווער עס איז א בעל בטחון און געדענקט אז דער מענטש קען גארנישט, אז ער קען נישט אויסכאפן פון א צווייטן, לעבט רואיג, מיט א געלאסנקייט, מיט א געשמאק, ווייל ער איז קלאר אז מען קען אים גארנישט צונעמען.

ביי שידוכים איז דא א גרויסער נסיון. דער איד גלייבט אז ער איז עוסק אין א מצוה, ער גייט בויען דורות און דא לייגט מען אים אונטער שוועריגקייטן.

די בעלי טענה וועלן נאכזאגן וואס עס שטייט אין חז"ל אז מען קען מקדים זיין און ווי עס איז דער באקאנטער לשון הגמרא 'שלא יקדמנה אחר', אבער מען ווייסט נישט וואס עס שטייט נאך דעם. גלייך נאך דעם זאגט דער זעלבער תנא אז אפילו אויב מען וועט מקדים זיין וועט דער שידוך נישט האבן קיין קיום. עס איז א כלל גדול אז אידישע שטיבער בויען זיך נישט פון 'געכאפטע מעשה'ס'.

מען קען נישט כאפן קיין זאכן. יעדער זאך האט א קלארע חשבון, א מהלך, עס טוט זיך נישט דא קיין כאפעריי און עס איז נישט דא פארוואס צו זיין אויפגערעגט אויף אנדערע, ווייל קיין איינער כאפט נישט צו פון א צווייטן.

די נקודה דארף מען גלייבן און געדענקען, און נאר אזוי קען מען לעבן מיט אמונה און אנקומען צו די ריכטיגע הכרה און זיין צופרידן ווייל די שמחה און די אמת'ע שלוה באהאלט זיך אין בטחון.

זאל השי"ת געבן אז מען זאל זוכה זיין דערצו בקרוב ובמהרה.

[ארויסגענומען פון שיעור 241]

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאך אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### די בעסטע אינוועסטמענט

פון צייט צו צייט האב איך די הרגשה אז מיין קביעות'דיגער קאלום אין די השגחה פרטית גליון איז דער פאסיגער ארט וואו איך קען זיך אויסגעבן און ארויסברענגען דא מיינע טיפע און הארציגע דאנק געפילן פאר הקב"ה, פאר די גוטס וואס ער טוט מיט מיר, אן א סוף.

איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן די רעקאציע פון מיינע נאנטע ווען זיי האבן געהערט אז איך גיי ארויסגעבן א קביעות'דיגע גליון. "עס דארף געשען א נס אז דו זאלסט קענען אנגיין", האבן זיי געזאגט הערנדיג אין וואס אין וואס איך לאז זיך אריין, אבער ברוך השם אז דא זענען מיר - זעקס יאר שפעטער און די נס איז געשען און עס געשעט נאך אלץ, מידי חודש בחודשו.

דאס איז בנוגע די גליון און די האטליניע, אבער היינט זענען מיר דא מיט אן עקסטערע שבח והודיה און דאס איז בנוגע די נייע מאגאזין פון השגחה פרטית וועלכע האט אנגעהויבן צו ערשיינען.

אויך ווען מיר האבן זיך אריינגעלאזט אין דעם אונטערנעמונג איז געווען אזעלכע וואס זענען געווען סקעפטיש וועגן איר. זיי האבן געזאגט אז עס וועט נישט מצליח זיין, אז מען וועט דא דארפן א נס. ביי די מאגאזין איז זייער טענה נישט געווען נאר וועגן געלט, נאר אויך וועגן די תוכן.

"עס איז אוממעגליך ארויסצוגעבן א גאנצער גליון וואס זאל רעדן איבער איין זאך....". האבן די סקעפטיקער געזאגט.

אבער אויך דא זעען מיר די נס. עס איז ערשינען א פרישער גליון און דאסמאל איז די גליון גרעסער ווי אייביג, עס האט פערציג עמודים, עס איז פול מיט שיינע און רייכע תוכן, און יא, אלעס רעדט ארום איבער איין זאך - איבער השגחה פרטית.

עס איז שיין און רייך מיט תוכן, און עס איז ווערד זיך איינצושרייבן און מאכן אויף איר א סובסיקריפשען.

איר פרעגט וויאזוי ווייס איך אז עס איז גוט, אז מענטשן האבן עס ליב? די תשובה איז ווייל מיר האלטן אין איין באקומען אויף איר קריטיק און ווי מיר האבן געשריבן אין דעם לעצטן גליון, איז קריטיק א גוטער זאך, עס געבט אונז דער געפיל אז מיר זענען א משפחה.

ווען א איד הערט רעדן וועגן א גוטער אינוועסמענט וואס קומט אונטער איינמאל אין צוואנציג יאר - צו וועמען לויפט ער עס מציע זיין? זיכער צו זיין נענסטער ברודער.

די מאגאזין השגחה פרטית איז די בעסטע אינוועסמענט וואס א איד קען מאכן, און זאגט עס איבער פאר ענקערע נאנטע.

עס ברענגט אריין א שלוה, א רואיגקייט אין שטוב, אדרבה, פראבירט אונז אויס, זייט מקיים דער 'טעמו וראו כי טוב ה'' און צייגט אייך אליין איבער אין איר זיסקייט.

גוט שבת

**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633 • פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## אין טרעפיק משלים צו זיין א צווייטן מנין

עס רעדט דא א יונגערמאן פון קרית ספר:
שוין יארן לאנג וואס איך מיט נאך צוויי חברים האבן זיך געמאכט א מנהג אז טאג טעגליך וועלן מיר דאווענען מנחה אין די געגענט וואס הייסט 'נעלה'.
עס פעלט נישט קיין מנינים אין די שטאט קרית ספר, נאר מיר האבן אין דעם א מצוה, מיר ווילן מחזק זיין די ארטיגע אידן אין זייער מנין.
אין נעלה וואוינען א קבוצה פון בעלי תשובה. מיט בלוט און שווייס איז זיי אנגעקומען צו בויען א שול, און זיי האבן שווערליך א מנין אויף מנחה, און מיר וועלן זיי מחזק זיין מיט'ן אהינפארן.
לעצטענס, זינט די קריג אויסברוך, איז דער מצב אסאך בעסער. עס איז דא א התעוררות און אויך אזעלכע אידן וואס פלעגן אמאל נישט קומען אין שול קומען שוין היינט אין שול.
אבער מיט דעם אלעם וועלן מיר ממשיך זיין מיט אונזער מנהג און גיין באזוכן די שול דארט און איר מחזק זיין מיט א מנין מנחה.
פון וואו מיר וואוינען ביז צו די שול פון נעלה איז א צוואנציג מינוט'יגע רייזע, מיר וועלן אהינפארן און זיך צושטעלן צו זיי און צו זייער מנין.
אויך יענעם טאג האבן מיר זיך געגרייט צו טון די זעלבע. מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צו מנחה אז מען זאל נאך קענען אנקומען באצייטנס און מיטהאלטן. מיר זענען געווען אויפ'ן וועג ווען פלוצלונג האבן מיר זיך געטראפן אין טרעפיק.
עס טרעפט זיך נישט געווענליך אז עס זאל זיין טרעפיק אויפ'ן וועג. אנפרעגענדיג ביי זיי וואס איז די סיבה צו די טרעפיק האבן מיר געהערט אז עס איז וועגן ארבעט אויף די שאסייען.
זעענדיג אז עס ווערט שפעטער האבן מיר נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, נישט וועלענדיג דערלייגן די שקיעה זענען מיר צוגעפארן צו א שכינות'דיגע דערפל און צו איר שול און צו אונזער וואונדער האבן מיר געטראפן אז דארט זוכט מען א מנין.
זיי האבן געהאט זיבן מענטשן, עס האט זיי געפעלט דריי אידן.
עס האט זיך אויסגעשטעלט אז פון הימל האט מען אזוי געפירט אז מיר זאלן נישט קענען אנקומען צו יענע מנין, און אז אין די זעלבע צייט זאלן מיר זיין די שלוחים משלים צו זיין אן אנדערע מנין.

## א דרייסיג יעריגע חברותא

עס רעדט דא אברהם מאשקאוויטש פון די שטאט בני ברק:
איך וויל ענק מיטטיילן א מורא'דיגע מעשה וואס מיינער א נאנטער ידיד האט מיר דערציילט.
דער דערציילער איז א איד וואס גייט שוין יארן לאנג נאך געלט פאר מוסדות, און לעצטער וואך - אריינקומענדיג צו א גרויסער גביר אין אויסלאנד האט ער אים דערציילט די פאלגענדע געשיכטע.
"מיט צוויי וואכן צוריק איז אריינגעקומען צו מיר אן ארץ ישראל'דיגער איד און מיר געבעטן געלט פאר א געוויסער צוועק.
ווי אייביג האב איך געפרעגט דעם איד ווער ער איז און וועגן וואס קומט ער ארויס קיין אמעריקע. דער איד האט מיר אנגעהויבן

## אויסגעזאגט תהלים און געשריבן קאנטראקט אויף א דירה

פאר עטליכע יאר אין איין ציה האב איך געוואוינט אין א בנין.
די בנין וואו איך האב געוואוינט האט שטארק נושא חן געווען ביי מיר, עס האט געהאט אין זיך אלע געברויכן וואס איך האב גענדארפט, אבער די דירה וואו איך האב געוואוינט איז געווען א געדינגענע דירה, איך האב זייער שטארק געוואלט קויפן אין איר אן אייגענע דירה, אבער קיין איינער האט נישט ארויסגעשטעלט אין איר א דירה צום פארקויפן.
אין יענע דירה איז געווען אן אומבאוואוינטע דירה, וועלכע איז פאר יארן לאנג געשטאנען צום פארדינגען. מערערע מאל האב איך געבעטן פון דער בעל הדירה אז ער זאל מיר פארקויפן די דירה, אבער ער האט נישט געהאלטן דערביי.
איך בין נישט געווען דער איינציגסטער וואס האט געלייגט אן אויג אויף די דירה. אויסער מיר איז געווען נאך גוטע אידן וועלכע האבן זייער געוואלט קויפן די דירה און גערעדט צו דעם איד דערוועגן, אבער דער איד איז געווען איינגע'עקשנ'ט, ער האט נישט געהאלטן ביים פארקויפן די דירה.
אין יענע צייט איז די דירה ליידיג געווארן. דער וואס האט עס געדינגען איז ארויס. איך האב געשפירט אז עס איז א שעת הכושר. איך האב זיך נאכאמאל פארבינדן מיט דעם איד און אים געפרעגט צי ער וויל אפשר פארקויפן די דירה, אבער איך האב זיך ווייטער באגעגנט מיט א קאטעגארישער ניין.
נאכ'ן באקומען אזא ניין האב איך באשלאסן אז עס איז נאך צי פרי צו הייבן הענט. איך האב אויסגעזאגט גאנץ תהלים און נאך דעם אנגעקלינגען דער איד און גערעדט צו אים.
"דו ביזט שוין נישט אזוי יונג, אפילו אז דו וועסט לעבן ביז די הונדערט יאר און באקומען יעדע חודש רענט פאר אזא און אזא סומע, וועסטו נישט אנקומען צו די סומע וואס איך וויל דיר געבן פאר'ן עס קויפן".
דער איד האט זיך געלאזט איבעררעדן. ער האט מיר פארשפראכן אז ער גייט אריינקוקן אין די זאך און צוריקקומען צו מיר. א טאג דערויף איז ער צוריקגעקומען צו מיר און געענטפערט אז ער איז גרייט דערויף.
א וואך דערויף האבן מיר גע'חתמ'ט די קאנטראקט. איך האב געקויפט די דירה פאר רעלאטיוו א ביליגע פרייז. ווען ארומיגע האבן געהערט אז איך האב געלייגט א האנט אויף איר און פאר אזוי ביליג, האבן זיי נישט געגלייבט וואס זיי הערן.
איך האב יא געגלייבט, וויסנדיג אז די כח פון א תפלה מעומק הלב איז מסוגל צו באווייזן די אומגלויבליכע.

## דער 'מצוה מעקלער'

עס דערציילט א איד פון דרום טייל ארץ ישראל:
אין ליכט פון די שווערע מצב וואס הערשט אין דרום חלק ארץ ישראל האב איך איבערגעלאזט מיין דירה אין דרום ארץ ישראל, און איך בין אריבער וואוינען אין די צענטראלע טייל פון ארץ ישראל, וואו עס איז רעלאטיוו רואיגער.
אנקומענדיג אין מיין נייע צייטווייליגע דירה האב איך אנטדעקט אז עס פעלט מיר אין שטוב א וואש מאשין. איך האב אריינגעזאגט אין די האטליניע פון די קהילה אז איך נויטיג זיך אין א וואש מאשין און געבעטן אז ווער עס קען מיר ארויסהעלפן מיט דעם זאל אריינזאגן אין די האטליניע דערוועגן.
עס האט נישט געדויערט לאנג און א איד קלינגט צוריק און אפפערט מיר א וואש מאשין וואס ער דארף נישט האבן מער. אינאיינעם האבן מיר אפגעמאכט וויאזוי עס וועט אנקומען צו מיר, און איך האב זיך געגרייט צו באקומען מיין מתנה.

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

פון טיפן הארצן וויל איך ענק באדאנקען פאר די שיינע און רייכע האטליניע וואס איר שטעלט צו. עס איז מלא וגדוש מיט חיזוק אין אמונה. אלעס אין איר איז אויסטערליש שיין, אבער איך האב א באזונדערע הנאה פון די שיעורים פון הרב אשר קובלסקי שליט"א. די שיעורים ווערן געזאגט מיט א זעלטענע חן, מיט א מתיקות, איך שעפ ארויס פון איר אסאך חיזוק.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

אין די דירה וואו איך וואוין האט פלוצלונג אנגעהויבן צו רינען וואסער. די וואסער האט אנגעמאכט א גרויסער שאדן פאר די הויז, עס האט נאס געמאכט די ווענט און עס האט אריינגערעגנט ביי די שכנים וואס וואוינען אונטער מיר. ווען איך האב זיך אנגעהויבן אינטערעסירן ביי אנדערע וויאזוי מען קען עס פאררעכטן האב איך געהערט אז אויסערדעם וואס דער פאררעכטן קאסט אפ אסאך געלט, איז דער דערגיין פון וואו עס רינט, אויך א גרויסע הוצאה. איך האב נישט געזען קיין אנדערע אויסוועג ווי זיך נעמען דערצו, אבער איך האב באשלאסן ביי מיר אז איידער איך גיי עפעס טון וועל איך צוזאגן א סומע געלט פאר השגחה פרטית. איך האב אזוי געטון, איך האב צוגעזאגט א סומע געלט און נאך איידער איך האב עפעס געטון דערצו, האט זיך אפגעשטעלט די ליעק. נאך ביז היינט ווייס איך נישט וויאזוי דאס האט פאסירט, אבער איך דאנק הקב"ה אז עס איז געשען.

אזוי ביני לביני, נאך איידער די וואש מאשין איז אנגעקומען צו מיר אין שטוב, האב איך גערעדט מיט א צווייטן איד. יענער איד זאגט מיר אז זיין זון איז אנטלאפן פון דרום און ער נויטיגט זיך דרינגענד אין וואש מאשין.

"איך האב פאר אים א וואש מאשין", האב איך זיך אנגערופן צו אים און טעלעפאנירט צו דעם דרייווער ער זאל אריבערגיין צו יענעם איד און עס אפטראגן.

"קוק וואספארא השגחה פרטית עס איז, פונקט האט איינער מיר געקלינגען אז ער דארף א וואש מאשין און פונקט האב איך געוואוסט פון א וואש מאשין", האט ער גערעדט מיט באגייסטערונג.

"יא, אבער ווי אזוי האסטו זיך אן עצה געגעבן? דו האסט דאך אויך געדארפט פאר דיר א וואש מאשין?

"דאס איז מיין שטיגער. ווען איך דארף עפעס פאר מיר וועל איך עס ערשט געבן פאר א צווייטן און נאך דעם וועל איך זיך זארגן פאר מיר".

"און ווי אזוי האסטו זיך אן עצה געגעבן צום סוף?"

"צומארגענס האט מיר איינער אנגעקלינגען צי איך דארף נאך האבן א וואש מאשין, איך האב אים געזאגט אז יא, ער איז געקומען צו אונז און געברענגט א מאשין, די מאשין איז געווען א נייער, א שיינער".

"זעסטו אז הקב"ה זארגט פאר מיר", האט ער אויסגעפירט מיט א זיגרייכער שמייכל.

"אלעס איז אמונה. אז מען האט אמונה - האט מען אלעס".

## איין קאפיטל תהלים

מיט עטליכע יאר צוריק בין איך געפארן קיין מירון מתפלל צו זיין אין דעם מקום קדוש, וואו טויזנטער אידן ווערן געהאלפן.

איך בין אהינגעפארן מיט א שווער הארץ. איך האב זיך גענויטיגט אין א גרויסע ישועה און די ישועה האט זיך אויפגעהאלטן. איך האב געהאפט אז אנקומענדיג קיין מירון וועט זיך די הארץ עפענען און עס וועט זיך דאווענען.

למעשה בין איך אנגעקומען אהין און עס האט זיך נישט געדאווענט, מיין הארץ איז געווען ווי פארשטאפט.

נאך דריי שעה זיין דארט האב איך זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אהיימצופארן.

אונטערוועגנס אויפ'ן באס איז געזעסן נעבן מיר א איד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד וואוינט אין מאנסי און ער איז אהערגעקומען צוליב א סיבה און אויסגענוצט די באזוך צו זיין אין מירון.

ווי עס איז דער נאטור פון צוויי היימישע אידן צושמועסט מען זיך אזוי, און דער איד הייבט מיר אן צו דערציילן אז ער האט א שכן אין מאנסי וואס האט זיך געמוטשעט מיט שידוכים.

זיינע קינדער זענען געווען פיין און געראטן אבער עס איז זיי נישט געגאנגען. זיי האבן געהאט אין שטוב דריי קינדער, איינער אין די עלטער פון 26, די צווייטע אין עלטער פון 25 און די דריטע אין עלטער פון 24 יאר.

אין א טאג פרעג איך דעם איד צי ער זאגט תהלים פאר זיי.

זאגט ער מיר אז ער דאווענט פאר זיי, אבער תהלים? ניין.

"זאג אויף זיי תהלים".

דער איד האט מיר געפאלגט. ער האט אנגעהויבן זאגן תהלים אויף אים, א קאפיטל א טאג.

עס איז אריבער צוויי וואכן און זיין זון איז געווארן א חתן.

דער איד איז געווען אזוי מרוגש, אז נאך פאר מען האט געבראכן טעלער האט ער מיר געקלינגען און דערציילט איבער דער מופת.

זעענדיג אז עס העלפט, האט ער אנגעהויבן זאגן תהלים אויף זיין צווייטער זון, עס האט אויך געארבעט, און אביסל שפעטער איז די דריטע אין די רייע, אויך געווארן א כלה.

די מעשה האט איבערגעלאזט אויף מיר א מורא'דיגע רושם. איך בין אראפ פון באס און כמעט פארגעסן פון דעם, אבער נאך איידער איך האב אנגעיאגט צו פארגעסן פון דעם, האב איך זיך געכאפט אז עס קען נישט זיין אז מיין רייזע קיין מירון האט נישט געהאלפן, עס האט יא געהאלפן, א דאנק דעם האב איך באקומען די סגולה פון זאגן תהלים.

פון יענעם טאג און ווייטער האב איך אנגעהויבן זאגן תהלים פאר די צרה וואס איך האב געהאט, און ברוך השם אז בקרוב ממש איז געווען א ישועה.

צו דערציילן אז ער שטייט אין שפיץ פון א גרויסע ארגינאזאציע אין ארץ ישראל און טוט אסאך חסד פאר אידן".

פאר יארן לאנג איז די ארגינאזאציע געווען אין א גוטער צושטאנד. זיי האבן געהאט זייערע קביעות'דיגע הכנסות און הוצאות און אלעס האט זיך געפירט מסודר.

מיט א שטיק צייט צוריק זענען זיי אריבער א קריזיס, און די קריזיס האט אונז איבערגעלאזט מיט די פאנטאסטישע סומע פון צוויי הונדערט טויזנט דאלער חובות.

"עס איז א גרויסע סומע. נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה האב איך געפאקט פעק און זיך ארויסגעלאזט קיין אויסלאנד, און יעצט גיי איך נאכגעלט צו דעקן דער חוב. מיר האבן שוין אפגעצאלט א גרויס חלק, אבער עס איז אונז נאך איבערגעבליבן א שיינער חלק צו דעקן".

דער איד האט געשמאק געשמועסט מיט'ן עושר, ווען אינמיטן קוקט ער אויף די זייגער און ער אנטשולדיגט זיך אז ער מוז גיין, ער קען נישט ממשיך זיין די שמועס.

"וואו איז געשען?" פרעגט אים דער עושר.

"איך וועל דיר זאגן", הייבט ער אן שילדערן.

"מיט בערך דרייסיג יאר צוריק האט מען ביי אונז אין די קהילה געגרינדעט שיעורי תורה. מען האט אויסגעשטעלט אז יעדער איינער זאל לערנען מיט א חברותא. מיר האט מען צוגעשטעלט איך זאל לערנען מיט אן אמעריקאנער איד אויפ'ן טעלעפאן. פון דעמאלטס אן פאר דרייסיג יאר אין איין ציה, וועל איך יעדן טאג צו די באשטימטע שעה, לערנען מיט אים טעלעפאניש. נאך אביסל דארף איך אים קלינגען און איך וויל עס נישט דערלייגן".

דער עושר איז געווארן נייגעריג. אזא זאך האט ער נאכנישט באגעגנט.

"ווער איז דער איד?" האט ער געוואלט וויסן.

דער עסקן האט א זאג געגעבן זיין נומער.

דער עושר האט נישט געגלייבט וואס ער הערט.

"דו ווייסט אז ער איז א מולטי מיליאנער, א ביליאנער. דו דרייסט זיך אין די גאסן און דו נעמסט צוזאם קליינגעלט ווען דו ביזט יעדן טאג אויפ'ן טעלעפאן פאר א שעה צייט מיט אזא עושר".

"געב מיר דעם טעלעפאן, איך קלינג אים שוין אן", האט דער עושר געזאגט פראקטיש.

דער עושר האט נישט געצעגערט, נאך דעם וואס דער איד האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן האט ער אים דערציילט וואס עס גייט דא פאר און אז זיין דרייסיג יעריגע חברותא שטייט פאר אים און גייט נאך געלט, ווייל ער מוטשעט זיך מיט חובות.

"איך האב נישט געוואוסט, ער האט מיר קיינמאל נישט גערעדט צו דערוועגן", האט זיך דער עושר אנטשולדיגט.

"פרעג אים וויפיל חובות ער האט?" האט דער עושר געוואלט וויסן.

איין עושר האט איבערגעגעבן פאר'ן צווייטן די גענויע סומע פון צוויי הונדערט טויזנט דאלער און אינאיינעם האבן זיי באשלאסן אז זיי גייען דעקן די סומע.

"אז דו געבסט הונדערט - געב איך אויך הונדערט". האט איין עושר געזאגט פאר'ן צווייטן.

זיי האבן געשלאסן א דיל.

א טאג שפעטער איז די געלט געלעגן ביי דעם איד אין זיין באנק אקאונט.

אין איין מינוט האט מען געשלאסן אלע זיינע חובות און דער איד האט שוין צומארגענס געקענט צוריקפארן קיין ארץ ישראל שמח וטוב לב.

פון הימל האט זיך געפירט אז זיי האבן געלערנט בחברותא פאר דרייסיג יאר, אז איינער זאל קענען העלפן דעם צווייטן מיט חובות.


## מפיציים אמונה לכל יהודי בכל העולם

שכונה שלימה נתרמה לזכות

פייגא בת מרים אסתר   גולדא בת מרים אסתר

חיים יהושע בן מרים אסתר

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6

**העברה לבנק לאומי** סניף 902 | חשבון 57390056

**משלוח בדואר** לת.ד. 5475 ירושלים

**בעמדות נדרים פלוס** ע"ש השגחה פרטית

# לשונם הזהב

## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### דער בעל בטחון האט נאר 'יגיע כפו' און נישט קיין 'יגיעה אין מח'

**דער רמזי אש אין תנא דבי אליהו פרק יח:**

אין תנא דבי אליהו פרק יח ווערט אראפגעברענגט די מאמר חז"ל אמר רבי יוחנן מעיד אני עלי שמים וארץ שכל תלמיד חכם שהוא קורא ושונה לשם שמים ונהנה מיגיע כפו עליו הכתוב אומר; יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא.

דער הייליגער קאצקער זי"ע פלעגט צו זאגן אז אויב א איד גייט אין דעם דרך האמת איז ער זוכה אז ער האט נאר 'יגיע כפיו' און נישט קיין 'יגיעת מוחו' אז ער טראכט נישט טאג און נאכט וויאזוי ער גייט האבן געלט און זיך מתפרנס זיין.

ענדליך צו דעם זאגט דער הייליגער רמב"ן אז עס איז אמת אז יעדער איד דארף עוסק זיין אין פרנסה, אבער וואו ליגט דער חילוק צווישן א בעל בטחון און נישט דער בעל בטחון? דער חילוק ליגט אין דעם אז דער בעל בטחון טוט וואס ער האט צו טון פאר פרנסה, אבער ער איז נישט משגיח צי עס געלונגט צי נישט, ווייל ער טוט דאך עס נאר יוצא צו זיין ידי שמים, אבער דער וואס איז נישט אויף די דרגה, וועט פון צופרי ביז ביינאכט טראכטן וועגן געלט און איז מייגע זיין 'מח' בעניני פרנסה.

### צולייגן קאפ איז דער שליסל צו אמונה

**פון ספר 'דעת תורה' למרן רבי ירוחם הלוי ליאוויטש זצ"ל:**

דער צדיק רבי חיים וואלאזשינער זי"ע האט אמאל אראפגעלייגט וויאזוי עס וועט אויסזען א באגעגעניש צווישן א איד פון די וועלט מיט א איד פון די שטאט לוז.

איבער די שטאט לוז ווערט דערציילט אין חז"ל אז דארט איז נישט שולט קיין מיתה אויף די וועלט.

די שמועס הייבט זיך אן ווי דער וועלטליכער איד שילדערט פאר'ן איד פון לוז וויאזוי ביי אים אין שטאט גייט צו די שטארבן. עס נעמט צייט ביז ווען דער איד פון לוז פארשטייט וואס דאס מיינט. איינמאל ער פארשטייט עס פרעגט ער אים וואס זיי עסן? און זאגט אז זיי עסן זיכער גראז, ווייל מען גייט דאך סיי ווי סיי שטארבן.

זאגט ער אים אז ניין! מען עס גוטע זאכן, פיש, פלייש, מען מאכט גרויסע סעודה'ס.

זיכער וואוינט מען אין שוואכע הייזער, עס איז דאך א שאד צו אריינלייגן כח און מח אויף א שיינער הויז? פרעגט דער איד פון לוד.

זאגט ער אים אז ניין - מען בויט זיך שיינע און גרויסע פאלאצן.

און וואס איז מיט קליידער? זיכער זענען די קליידער פשוט - זאגט ער זיין אז ניין - אז מען האט שיינע קליידער.

די שמועס גייט אן זייער לאנג, אבער ווען מען טראכט אריין אין די שאלות פון דער איד פון לוז איז ער דאך נישט מער ווי גערעכט, אבער מיר קוקן אים אן מיט וואונדער.

דער אמת איז אז די טענה פון דעם לוז'ער איד איז אז מיר זענען זיך נישט מתבונן - ווייל אויב א איד וועט זיך מתבונן זיין וועט ער פארשטיין און דערהערן ווי נאריש ער פירט זיך אויף.

> **די השגחה העליונה שטעלט זיך קיינמאל נישט אפ**
>
> **הַהַשְׁגָּחָה הָעֶלְיוֹנָה אֵינָהּ פּוֹסֶקֶת אַף לְרֶגַע**
>
> **דָּבָר אַחֵר** פֵּרוּשׁ אַחֵר עַל מַה שֶּׁכָּתוּב **הִנָּךְ יָפָה רַעְיָ־תִי וּמוּם אֵין בָּךְ**, וְהִקְדִּים וְאָמַר **תָּנוּ רַבָּנָן** שָׁנוּ חֲכָמִים (בְּמַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַּף טז רֵישׁ עַמּוּד א), **בְּאַרְבָּעָה פְּרָקִים בַּשָּׁנָה הָעוֹלָם נִידּוֹן בְּפֶסַח עַל הַתְּבוּאָה וְכוּ'**, **אָמַר רַבִּי אֲלֶכְּסַנְדְּרָאִי, וְכִי לָא נִידּוֹן הָאָדָם אֶלָּא לִפְ־רָקִים אִלּוּ, וְהָא כְתִיב** וַהֲרֵי כָּתוּב **וַתִּפְקְדֶנּוּ לִבְקָרִים לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ** פֵּרוּשׁ שֶׁתַּשְׁגִּיחַ בָּאָדָם בְּכָל בֹּקֶר, וְאַתָּה בּוֹחֵן אֶת מַעֲשָׂיו בְּכָל רֶגַע, **וְאָמַר רַבִּי יִצְחָק, אֵין לְךָ כָּל רֶגַע וָרֶגַע שֶׁאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁגִּיחַ בָּאָדָם, בְּכָל מַה שֶּׁהוּא עוֹשֶׂה, וּתְנַן הָכָא** וְכָאן לָמַדְנוּ **דִּבְאַרְבָּעָה פִּרְקִין בַּשָּׁנָה הוּא** מַשְׁמַע שֶׁרַק בְּאַרְבָּעָה פְּרָקִים בַּשָּׁנָה הוּא נִדּוֹן.
>
> וּמִיַּד **אָמַר רַבִּי אֲלֶכְּסַנְדְּרָאִי, הַדְרֵי בִּי** אֲנִי חוֹזֵר מִקֻּשְׁיָ־תִי, כִּי אֵין כָּאן קֻשְׁיָא כְּלָל, (ה"ג הכת"י והלאה) **אֶלָּא מִלָּה דְּאוֹרָיְיתָא בְּעִנְיָינָא דָא** אֶלָּא דִּבְרֵי הַתּוֹרָה, דְּהַיְינוּ הַפָּסוּק שֶׁבְּאִיּוֹב הוּא בְּעִנְיָן זֶה, **וְהַהוּא מִלָּה דְּרַבָּנָן בְּעִנְיָינָא אַחֲרָא** וְאוֹתוֹ הַדָּבָר שֶׁאָמְרוּ חֲכָמִים בְּמַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הוּא בְּעִנְיָן אַחֵר, וּמְפָרֵשׁ **דִּפְסוּקָא אָמַר** כִּי הַפָּסוּק הַזֶּה שֶׁבְּאִיּוֹב, אָמַר **פְּקִידָה וּבְחִינָה** דְּהַיְינוּ וַתִּפְקְדֶנּוּ תִּבְחָנֶנּוּ, שֶׁהוּא עִנְיַן הַשְׁגָּחָה, **וְרַבָּנָן אָמְרֵי דִּינָא** וְהַחֲכָמִים אָמְרוּ שֶׁבְּאַרְבָּעָה פְּרָקִים הָעוֹלָם נִדּוֹן, **וּמַשְׁמַע** שֶׁהֵם שְׁנֵי עִנְיָנִים, (ה"ג) **דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מַשְׁגַּח בְּכָל יוֹמָא וְיוֹמָא בְּעוֹבָדָא דְּבַר נָשׁ** כִּי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁגִּיחַ בְּכָל יוֹם וָיוֹם בְּמַעֲשִׂים שֶׁל הָאָדָם, **אֲבָל מֵידָן דִּינָא** אֲבָל לָדוּן אֶת הַדִּין בָּעוֹלָם, **עַד אַרְבָּ־עָה זִמְנִין אִלֵּין** הוּא רַק בְּאַרְבָּעָה פְּרָקִים הָאֵלּוּ, **לְמֵידַן כָּל עָלְמָא** לָדוּן בָּהֶם אֶת הָעוֹלָם, **וְכֻלְּהוּ דִּינִין אִלּוּ** וְכָל אֵלּוּ הַדִּינִים שֶׁבְּאַרְבָּעָה פְּרָקִים הַנִּזְכָּרִים, **בְּגִינֵיהוֹן דִּבְנֵי נָשָׁא עָבִיד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דִּינָא בְּעָלְמָא** בִּשְׁ־בִיל בְּנֵי אָדָם עוֹשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא דִּין בָּעוֹלָם.
>
> **(מתוך נגלות הזוהר ע"פ מתוק מדבש כרך י' עמוד קעח)**

### די ציפיה לישועה פון די חשמונאים האט געברענגט די ישועה

**דער בן איש חי שרייבט אין הלכות חנוכה שנה ראשונה:**

ביי די ברכה פון נרות חנוכה איז דא א חילוק צווישן די נרות חנוכה און די נרות פון שבת. ביי שבת מאכט מען 'להדליק נר של שבת' און ביי חנוכה מאכט מען 'להדליק נר חנוכה'.

פארוואס האט מען משנה געווען? ווייל די ראשי תיבות פון 'להדליק נר חנוכה' איז 'נחל' און נחל איז ראשי תיבות 'נפשנו חכתה לה''.

מיט דעם וויל מען אויסדרוקן אז די ישועה פון חנוכה איז געקומען דורכ'ן האפן צום באשעפער ווייל די האפענונג איז ממשיך די ישועה.

## א פינטעלע ליכטיגקייט

### אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

אין די וואכן ליינען מיר די פרשה'ס פון יוסף הצדיק. מיר ליינען איבער ווי אזוי מען האט אים פארקויפט קיין מצרים, ווי אזוי ער איז אריין אין תפיסה, ביז ווען מען האט אים באפרייט פון דארט און ער איז געוואר דער משנה למלך פון מצרים.

מיט אסאך טיטלען ווען חז"ל באטיטלען יוסף הצדיק, איינער פון זיי וועט זיין אלץ דער איש בטחון און ווי חז"ל זאגן שוין אויפ'ן פסוק "אשרי הגבר אשר שם ה' מבטחו" - זה יוסף (בראשית רבה פט, ג).

אויך מיר ווען היינט גיין מיט דעם געדאנק און זוכן וואו מען קען זען די מידה פון בטחון ביי יוסף הצדיק און די מוסר השכל וואס מיר קענען ארויסנעמען פון אים.

אין פרשת מקץ רעדט מען ארום פון יוסף הצדיק און די שמועס וואס ער האט געהאט מיט זיינע ברודער ווען זיי זענען אראפגעקומען קיין מצרים.

ווי נאר די ברידער זענען אנגעקומען קיין מצרים זאגט זיי יוסף הצדיק אז איר זענט שפיאנען און ווי עס איז דער לשון הפסוק: "לראות את ערות הארץ באתם".

פארוואס האט יוסף הצדיק עס געזאגט פאר די ברידער? וואס האט ער זיי געוואלט זאגן מיט דעם?

עס קען זיין אזא מהלך.

מיר ווייסן אז ווען עס געשעט עפעס צו א מענטש האט ער די בחירה זיך אומצוקוקן און עס באטראכטן פון צוויי

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## זוכן אין די ריכטיגע פלאץ

וועגן. ער קען מגשם זיין די זאך און זאגן אז עס איז געשען וועגן דעם און דעם און זוכן די לעזונג דערפאר, אדער קען ער עס אנקוקן מיט א ריכטיגן בליק און זען וואס עס ליגט דערונטער, אז הקב"ה רעדט צו אים, אז ער וויל עפעס פון אים, אז גארנישט פאסירט נישט סתם אזוי.

צוםביישפיל, אויב עס פעלט פאר א מענטש פרנסה קען ער זאגן אז דאס איז א צופאל, ווייל ער דארף דאס און דאס טון, ער דארף זיך זוכן א בעסערע פרנסה, א בעסערע דזשאב, אדער קען אראפגיין צום שורש פון די זאך און פארשטיין אז הקב"ה רעדט צו אים, ער וויל אז ער זאל זיך פארבעסערן אין א געוויסער זאך.

און די וויכוח האט יוסף הצדיק געהאט דא מיט די ברידער.

יוסף הצדיק האט געפרעגט פאר די ברידער פארוואס זענט איר געקומען קיין מצרים? די ברידער האבן אים געזאגט 'באנו לשבור אוכל'ף מיר זענען דא פאר פרנסה וועגן אבער פאר יוסף הצדיק איז דאס נישט געווען גענוג. ער האט זיי צוריקגעזאגט און גע'מוסר'ט 'לראות את ערות הארץ באתם' - איר זוכט נישט אויף די ריכטיגע פלאץ, איר דארפט מאכן ביי זיך א חשבון הנפש.

די ברידער דערהערן די טענה און הייבן אן צו מאכן א חשבון הנפש ביז זיי קומען אן צו דער געדאנק פון 'אבל אשמים אנחנו' און פון דא קומט ארויס די ישועה, ווייל אז מען קוקט אין די ריכטיגע פלאץ איז מען מגלה די ישועה.


תגובות המצטרפים

לכבוד מערכת השגחה פרטית - המגזין פשוט חלום. בחיים לא היינו מאמינים שהאמונה היא דבר כל כך רחב, מגוון ומעניין. מדהים שכל בני המשפחה ממש נהנים לקרוא את התכנים, וכל אחד ברמה שלו מפיק מהם תועלת מרובה.
אנחנו כבר מחכים שתוציאו ביותר תדירות.

משפחת סגל, ירושלים

גם אתם מכניסים את האור הביתה

הצטרפו היום, ותראו איך שהרוגע והשלווה מגיעים לכל בני הבית

התקשרו עכשיו
61767* שלוחה 3

או בעמדות 'נדרים פלוס' על-שם 'מגזין השגחה פרטית'




עדיין יש את אפשרות לקבל את כל המגזינים שיצאו עד עתה במתנה

שאלו את המוקדן